евская Еврейская
Библiотека имени
д-ра Я. А. Эйгеса
№ 810

פרייז 2 קאפ.

№ 26.




# די בילויצעם

(צום 25-יעהריגען יובילעי פון דער קאלאניע „גדרה״).

---

פון מ. שאליט.

צווייטע אויפלאגע.

אדעס, תרע״ד.

דרוק „קאממערסאנט״, אוספענסקע 48

עקז. 15.000—10.000.

# פערלאג „ציוניסטישע קאפיקע־ביבליאטהעק“.

1 № מ. ל. ליליענבלום. ראשון לציון. — — — פרייז 2 קאפ. 20.000 עקז.

2 № מ. אוסישקין. דער ערפאלג פון דער יודישער קאָ-
לאָניזאציע אין ארץ-ישראל פאר די לעצטע 25 יאהר, „ 3 „ 35.000 „

3 № ד״ר י. ספיר. דער אכטער ציוניסטען-קאָנגרעס.— „ 1 „ 20.000 „

4 № וו. זשאבאטינסקי. דאָס באוועלער פראָגראַם. —„ 2 „ 35.000 „

5 № ש. שווארץ. דער שקל. (אויספערקויפט) — —„ 1 „ 35.000 „

6 № י. ראבינאוויטש. פאר וואָס ארץ-ישראל? — — „ 2 „ 30.000 „

7 № ד״ר פאסמאניק. די פערווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם—„ 3 „ 20.000 „

8 № מ. ל. ליליענבלום. דער „פאלעסטינא-קאָמיטעט.—„ 2 „ 15.000 „

9 № א ווארבורג. צו טויג א״י פאר קאלאָניזאציע. —„ 2 „ 25.000 „

10 ד״ר יוסף קלוזנר. משה רבנו. — — — — — — — „ 1 „ 20.000 „

11 № ליעדער פאר׳ן פאלק. געזאמעלט פון ל. יפה. „ 12 „ 13.000 „

12 № י. ל. בערגער. דער יודישער נאציאָנאל-פאנד. — „ 2 „ 20.000 „

13 № משה קלייינמאן. אונזער נאציאָנאל-שפראך. — , , 2 „ 10.000 „

14 № ציוני פשוט. וואס איז אזוינס ארץ-ישראל. — — „ 3 „ 10.000 „

15 № מ. ל. ליליענבלום. גאולה תתנו לארץ, — — „ 2 „ 15.000 „

16 № ד״ר יוסף ספיר. די געשיכטע פון ציוניזם א׳. — „ 3 „ 15.000 „

17 № ב. גאלדבערג. די יודישע קאלאָניאַל-באַנק. — — „ 3 „ 10.000 „

18 № משה קלייינמאן דער גלות. — — — — — — — „ 3 „ 10.000 „

19 № ב. שפיעלבער. יודישע ארבייטער אין א״י. — „ 2 „ 10.000 „

20 № גר. בראדאַווסקי. די געשיכטע פון ארץ-ישראל.— „ 3 „ 7.000 „

21 № ש. שווארץ. די ציוניסטישע ארגאַניזאציע. — — „ 2 „ 25.000 „

22 № פראפ. שץ. בצלאל, — — — — — — — — — „ 5 „ 10.000 „

23 № מ. זיידמאַן. די העברעאישע קאנפערענץ. — — — „ 2 „ 10.000 „

24 № ד״ר יוסף ספיר. דער ניינטער ציוניסטען-קאָנגרעס.— „ 2 „ 10.000 „

25 № משה קלייינמאַן. רבי מ. ל. ליליענבלום. — — „ 2 „ 10.000 „

26 № מ. שאליט. די בילו׳צעס. — — — — — — — „ 2 „ 15.000 „

27 № ד״ר פאסמאניק. אונזער נאציאָנאלע קולטור. — —„ 2 „ 10.000 „

28 № ש. גארעליק. אויף וואס דארף מען דאָס? — — — „ 2 „ 10.000 „

29 № ד״ר י. ספיר און מ. קלייינמאן. א. ל. לעווינסקי! „ 2 „ 7.000 „

30 № א. ל. לעווינסקי. א רייזע קיין א״י אין יאהר ת״ת. „ 5 „ 5.000 „

31 № ד״ר מ. גליקסאן. די געשיכטע פון ציוניזם ב׳. — „ 5 „ 7.000 „

32 № ד״ר יוסף ספיר. דער 10-טער ציוניסטען-קאָנגרעס.— „ 2 „ 10.000 „

33 № צ. פשוט, די וויכטיגקייט פון יודישען ארבייטער אין א״י! „ 1 „ 10.000 „

34 № פ. קאפלאן. די יודישע נאציאָנאל-ביבליאטעק. — „ 2 „ 10.000 „

35 № ד״ר י. ספיר. דער 11-טער ציוניסטען-קאָנגרעס, — „ 3 „ 8.000 „

36 № ד״ר י. קלויזנער. ירושלים. — — — — — — — „ 2 „ 10.000

# די בילו'צעס.

פון מ. שאליט.

---

צום אנהויב פון די 80-ער יאהרען האט זיך דאס לעבען פון די יודען שרעקליך פערערגערט. פון אלע זייטען האבען זיך אנגעהויבען שיטען אויף יודען רדיפות גזירות. דער אנטיסעמיטיזם האט אנגעהויבען שנעל צו וואקסען, האט זיך בבריים פערשפרייט און האט אלץ פערחאפט נייע און נייע געגענדען. אומעטום, אין אלע לענדער, האבען זיך די יודען בעגעגענט פנים אל פנים מיט א שטארקער פיינדשאפט, מיט אן'אפענער שנאה צו זיך ארום און ארום.

אין דייטשלאנד און עסטרייך האט געבושעוועט די אנטיסעמיטישע אגיטאציע; אין רומעניען זענען איינס נאך דעם אנדערען ארויסגעגעבען געווארען געזעצען, וועלכע האבען געהאט דאס ציעל „צו מאכען די לאגע פון די יודען פאר אן'אונמעגליכע". אפילו און פראנקרייך, אין דעם לאנד פון דער גרויסער רעוואלוציע און פון די פייערליכע פרינציפען „פרייהייט, גלאכהייט און ברידערליכקייט", וואו די יודען האבען פריהער ווי אומעדום בעקומען בירגערליכע רעכט, האט זיך פונאנדערגעשפרייט אן'עפידעמיע פון אנטיסעמיטיזם. נור ערגער פון אומעטום, אונערטרעגליכער, חוץ אין די אלע איבעריגע לענדער, איז געווארען אין יענער צייט דאס יודישע לעבען אין רוסלאנד. דא איז מען גלייך אריבער פון ווערטער צו דער „ארבייט"; די גאנצע וועלט איז געווארען איין עדות פון די סאמע ווילדע, סאמע אכזריות'דיגע סצענען: עס האבען זיך אנגעהויבען די בלוטיגע פאגראמען אויף יודען... און גלייך מיט די פאגראמען האט זיך אנגעהויבען אן'אונערהערטע ביז דעם מאמענט, אנאונגעהויערע מאסען-עמיגראציעס: צעהנדליגע טויזענד יודישע פאמיליעס האבען געווארפען זייערע איינגעזעסענע אלטע היימען און האבען זיך געלאזען וואנדערען וואוהין די אויגע

טראגען... „וואס גיכער ארויסרייסען זיך און אנטלויפען פון דעם גיהנום!“ — אט דאס איז געווען דער איינציגער טרויעריגער און הייסעסטער וואונש, וואס יעדער יוד האט געטראגען ביי זיך אין הארצען. און טויזענדער־ווייז האבען זיי זיך אנגעהויבען צו לאזען, ניט ארומקוקענדיג זיך אפילו, אין דעם ווייטען פאר זיך אליין אונבעוואוסטען וועג... מען איז געלאפען קיין אמעריקא, קיין ארץ־ישראל. אין דער גאליציאנישער שטאדט בראד, ניט ווייט פון גרענעץ, האבען זיך צונויפגעקליבען ביז צוואנציג טויזענד הונגעריגע, צוראבירטע יודישע פאמיליעס וועלכע האבען דא געהאפט צו בעקומען הילף ביי פערשיעדענע וואהלטעטיגקייט—קאמיטעטען און לאזען זיך רייזען איבער'ן ווייטען ים...

די דאזיגע אלע שוידערליכע געשעהנישען האבען געמוזט א טרייסעל טהון די מחית, האבען געמוזט מאכען א גאנצען איבערקעהרעניש אין דעם ארט דענקען און פיהלען.

די ערשטע פאגראמען, און בכלל יענע צייט, האט געעפענט די אויגען ביי די גרויסע מאסען פון פאלק זיי זאלען מיט אמאל דערזעהן מיט אימה דעם טיעפען אבגרונד, איבער וועלכען זיי שטעהען, און זאלען מיט אמאל פערשטעהען, אז העלפען קאנען זיי זיך נור אליין, אז זיי מוזען ארייננעמען אין די אייגענע הענד זייער גורל, זייער צוקונפט...

און אויך איין אויסערליכע סבה האט געווירקט, אויפצוועקען די אידעע פון נאציאנאלער זעלבסט־הילף ביי יודען: אין יענער צייט איז אין גאנץ איראפא מעכטיג אויסגעוואקסען די נאציאנאלע אידעע, וועלכע בעקומט ביי די קלענערע אונטערדריקטע פעלקער דעם כאראקטער פון א בעפרייאונגס־בעוועגונג: זיי שטעהען אויף, אום צו בעשיצען זייערע רעכט און אום צו לעבען א געזונדעס, גאנצעס פאלקס־לעבען. זיי ווארפען ארונטער דעם יאך פון די אונטערדריקער און בילדען פאר זיך אייגענע מלכות...

די שענסטע, די גרעסטע אידעע פון נייצעהנטען יאהר־הונדערט איז געווען די נאציאנאלע אידעע, ווייל זי איז געווארען די אידעע פון פרייהייט, פון פאלקס־פרייהייט, אין דעם בעסטען זין פון ווארט!

די דאזיגע אידעע ברענגט אריין אויך אין יודישען פאלק און די העברעאישע ליטעראטור, וועלכע האט דאן געהאט א גרויסע ווירקונג, הייבט אן ווייזען א וועג פאר'ן פאלק. אלכסנדר צעדערבוים, דוד גארדאן און פרץ סמאלענסקין ווערען די ערשטע פיהרער פון דער נייער נאציאנאלער בעוועגונג די בעפרייאונג פון

די אונטערדריקטע פעלקער אויף דעם באלקאן-אינזעל, וועלכע איז פארגעקומען פאר זיי אין די אויגען, אנאיינעם מיט די פאגראמען האבען געווירקט אויף פינסקער'ן, דעם מחבר פון דעם ביכער „זעלבסטעמאנציפאציאן", וואס האט געמאכט א גאנצע איבערקעהרעניש אין די מחות, און אויף מ. ל. ליליענבלומען, וואס האט זיך גיט'ן גאנצען הארצען אבגעגעבען צו פערשפרייטען די אידעע פון דער אידישער אויפלעבונג אין ארץ-ישראל און האט פאר דער דאזיגער אידעע מיט דער גרעסטער ענערגיע אגיטירט גלייכצייטיג אויף העברעאיש, יודיש און רוסיש...

די נייע אידעע ווערט היילינ, ומעדום גרינדען זיך אגודות און חברות „חובבי ציון". בראש פון דער גאנצער זאך שטעלט זיך א גרויסער טייל פון דער יוגענד, וועלכע איז גרייט צו אפפערן מיט איהר גאנצער צוקונפט, מיט איהר גאנצען לעבען, מיט איהרע אלע פיזישע און גייסטיגע קרעפטען פאר דעם גרויסען און הייליגען ציעל פון אויפלעבען דאס אייגענע פאלק אין זיין אייגענעם לאנד. די יוגענד האט בעוויזען, אז זי קאן ניט נור שעהן רעדען און שעהן פיהלען, נור, אז זי קאן באמת ברייגגען זיך פאר א קרבן דער אידעע, אז זי איז דער אמת'ן ביכולת אריבערצוטראגען די גרעסטע ליידען פאר די פערווירקליכונג פון דער אידעע. אט פון דער דאזיגער יוגענד זענען ארויס די ערשטע אידעאלע פיאנערען פון דער אידישער אויפלעבונג אין ארץ-ישראל. דאס זענען געווען די ערשטע גרויסע פאלקס-העלדען, וועלכע האבען מיט א הויכען קול אלעמען מבשר געווען, אז דאס יודישע פאלק לעבט נאך, וויל לעבען און ווערט אויפלעבען: דאס זענען געווען — די בילו'יצעס!

---

אין יאנואר פון 1882-טען יאהר האט זיך אין חארקאוו געגרינדעט די ערשטע פאלעסטינישע סטודענטען-אגודה מיט דעם פאראל — ביל"ו: בית יעקב לכו ונלכה. מיט דעם ציעל צו פערשפרייטען איהרע אידעען האט די אגודה פונאנדערגעשיקט איבער גאנץ רוסלאנד צוואנציג דעלעגאטען. די דעלעגאטען האבען אומעטום געהאט אנ'ערפאלג און אין ניכען האבען זיך אנגעהויבען אין פיעל שטעדט צו גרינדען יונגע, אינטעליגענטע אגודות, וועלכע זענען געווען אלע שטארק צווישען זיך פעראייניגט מיט דעם שטרעבען צו איין און דעם זעלבען ציעל. אלע אגודות צ זאמען האבען געהאט אין דער לעצטער צייט פון זייער ענטוויקלונג 525 חברים. זיי

אלע פלענער זיך דורך שרייבען מיט דער חארקאווער אגודה, וועלכע האט געפיהרט פערהאנדלונגען מיט די דעמאלטיגע פאלעסטינישע כלל-טהוער, האט זיך אין אלגעמיין בעקענט געמאכט מיט דער מעגליכקייט צו קאלאניזירען ארץ-ישראל, האט איבערגענומען אויף זיך די אנפיהרונג מיט אלע אגודות און האט זיך אנגערופען צענ-טראל-ביורא. אין יולי פון דעם זעלבען 1882-טען יאהר איז דאס צ. ב. איבערגעטראגען געווארען פון חארקאוו קיין אדעס און האט געעפענט איהר הויפט-אבטהיילונג אין קאנסטאנטינאפאל. דאס צ.ב. האט גענומען אויף זיך דעם חיוב אנצופיהרען מיט אלע אויסערע אנגעלעגענהייטען פון דער פארטיי, אבער נור ביז דעם מאמענט, ביז וואנען די גאנצע פארטיי וועט ניט אנקומען אין יפו. דאס נאהענסטע ציעל פון דער פארטיי איז געווען — דורך איינגענע עמיגראציע און דורך גרינדען א מוסטער-קאלאניע אויף די צוועק-מעסיגע יסודות, צוטאכען אן אנהויב פון דער אלגעמיינער עמיגרא-ציע פון די יודען קיין ארץ-ישראל און צו דיענען אין דעם זין פאר א ביישפיעל ביי אלע יודען. קיין געלד האט די גרופע ניט געהאט, נור זי איז געווען זיכער, אז ווי באלד זי וועט נור זיין אויף אנ-ארט, וועט מען זי שטיצען, ווייל אומעטום האט מען זיך בעציהען מיט א הייסען מיטגעפיהל צו דער נייער נאציאנאלער אידעע. פאר א זאמעל-פונקט איז בעשטימט געווארען אדעס — און אלע אגודות האבען געדארפט זיין גרייט נאך דער ערשטער פאדערונג פון צ. ב. אהין ארויסצופאהרען. דער 27-טער אפריל האט געדארפט זיין דער אבפאהר-טאג קיין ארץ-ישראל, צוליעב פערשיעדענע אורזאכען איז דאס צ. ב. געוועזען געצוואונגען אבצולעגען דעם אבפאהר אויף איין אונ-בעשטימטען טערמין. דערווייל האט די קאנסטאנטינאפאלער אבטהיילונג, וועלכע איז בעשטאנען פון 4 דעלעגאטען מיט י. בער-ליאווסקין בראש, געפיהרט פערהאנדלונגען מיט דעם בעוואוסטען ענגלישען פילאנטראפ און דיפלאמאט לוירענס אליפאנט און מיט דעם אמעריקאנישען געזאנדטען, מיט וועלכען אליפאנט האט זיך בעקאנט געמאכט, און וועלכער האט זיך ארויסגעזאגט, אז אם ענדע יולי וועט שוין זיין מעגליך די גאנצע פארטיי אריבערצושיקען קיין ארץ-ישראל. נור אין עטליכע טעג ארום האט זיך די לאגע אומגעביטען. צוליעב בעוואוסטע פאליטישע אומשטענדען האבען זיך דאן פערשארפט די בעציהונגען צווישען טערקיי און ענגלאנד, און דער סער אליפאנט, אלס אן ענגלענדער, האט שוין גאר ניט געקאנט אויפטהון. דאן האבען די מיטגליעדער פון דער פארטיי בעשלאסען

אליין צו עמיגרירען, אהן יעדער הילף פון אליפאנס'ס זייט נור
אויסשליסליך אויף די מיטלען פון זייערע אייגענע קאפיטאלען, האַ-
פענדיג אויף זייער ארבייט און אויף דאס מיטגעפיהל פון דער
יודישער אינטעליגענטער יוגענד, ביי וועלכע האט שוין דאס
צ. ב. ניט געפינען פאר טעגליך מיט איין מאל ארויסצורופען די
גאנצע פארטיי — און צוערשט איז ארויסגעפאהרען א קליינע גרופע
פון 14 מענשען, 13 מאנסבילען און 1 פרויענצימער. האט די ערשטע
גרופע בילו'צעס, מיט דעם פארשטעהער פון צ. ב. בעלקינד'ען, איז
געקומען קיין יפו דעם 19 תמוז (24 יוני) פון 1822-טען יאהר. אין
צווי וואכען ארום, ווארטענדיג אויף די איבעריגע חברים און האַ-
בענדיג אין זינען תאטש וויפיעל עס איז צוגעוועהנען זיך צו דער
ערד ארבייט, האבען זיי אנגעהויבען ארבייטען אין דער קאלאניע
מקוה-ישראל, וועלכע איז אין יאהר 1870 געגרינדעט געווארען
דורך קארל נעטער, דעם סעקרעטאר פון דער פראנצויזישער
„אליאנס". דערווייל איז ביי די דעלעגאטען פון צ. ב. אין קאנ-
סטאנטינאפאל געבליבען. דירעקט צו ווענדען זיך צו דער טערקישער
רעגירונג, אז זי זאל געבען אין דעם רשות פון דער פארטיי ערד
פאר 300 מענשען. מיט דער ציעל האבען זיי זיך פריהער געווענ-
דעט צו איינעם פון די ערשטע פארשטעהער אין טערקיי, צו
אסמאן-פאשא, וועלכער האט געלעבט אין חארקאוו, בעת ער איז
געווען געפאנגען אין דער מלחמה פון טערקיי מיט רוסלאנד. ער
האט זיך זעהר פאראינטערעסירט מיט די חארקאווער סטודענטען
און האט זיי געגעבען א רעקאמענדאציע צו דעם ערשטען מיני-
סטער אין טערקיי. אויף אזא אופן איז דאס ביורא אריין אין דירעקטע
פערבינדונגען מיט דער טערקישער רעגירונג. נור די פאליטישע
אומשטענדען האבען זיך דאן נאך מעהר פערשארפט די רעגירונג
האט זיך ניט געהיילט און די פעראנדלונגען האבען זיך פערצויגען..

אין דער גאנצער צייט זענען אלע איבעריגע אגודות געבליבען
אויף די ערטער, נור איין קליינע גרופע פון זעקס מענשען מיט א
קאפיטאל פון עטיאס מעהר ווי 500 רובל האט דאס צ. ב. ארויס-
געגרופען קיין יפו. דעם 21-טען יולי אין דער פריה איז די דאזיגע
אגודה געקומען קיין קאנסטאנטינאפאל. זי האט געפונען דאס צ. ב.
אין זעהר א שלעכטער מאטעריעלער לאגע. עס איז אפט איהם אויס-
געקומען פשוט צו הונגערען. אלע זאכען זענען געווען פארזעצט
די חיבית האבען זיך פערגרעסערט. די אגודה האט איבערגעלאזען
דעם צ. ב. 150 רובל, איז אבגעפאהרען פון קאנסטאנטינאפאל אין

דעם 9 אויגוסט, 5 אַ זייגער פֿאַרטאָג, איז זי געקומען קיין יפו. אין יפו זענען זיי מיט דעם גרויסען ירושלים׳ער וואָג אַוועק צום הויף, וואו עס האָבען געוואָהנט די בילו׳צעס. נאָך פֿון ווייטען האָט זיי בעמערקט דאָס מיידעל, וואָס פֿלעגט שטענדיג בלייבען אין שטוב קאָכען, עסען און בכלל פֿיהרען די גאַנצע בעלי־בתי׳שקייט פֿון די בילו׳צעס. זי איז זיי אַרויס אַקעגען און האָט זיי אַריינגעפֿיהרט אין שטוב. עס האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען פֿראַגען און וואונשען... עס איז שוין געוואָרען אָוונער—מיט אמאָל האָט זיך פֿון דערווייטענס דערהערט אַ מונטערער, שפּאַלצער געזאַנג, וואָס איז אָנגעקומען אַלץ נעהענטער און נעהענטער: דאָס זענען די בילו׳צעס געקומען פֿון דער אַרבייט. דערזעהענדיג די אָנגעקומענע חברים—איז צו זייער פֿרייד קיין סוף ניט געווען. מע האָט גלייך גענומען איינאָרדנען זיך. די צוויי צימערען פֿון וואָהנונג האָט מען צוטיילט אַזוי, אַז אין ערשטען זענען געשראָפען ביידע מיידעלעך (די נייע געקומענע גרופּע איז בעשטאַנען פֿון פֿינף מאַנסבילען און איין פֿרויענצימער) און אין דעם צווייטען אַלע 19 מאַנסבילען.. די נייע־געקומענע האָבען זיך פֿעראייניגט מיט די אַלטע חברים. און האָבען אַלע צוזאַמען געאַרבייט אין מקוה־ישראל.

דער דירעקטאָר פֿון מקוה־ישראל הירש האָט יעדערען פֿון זיי געצאָהלט צו איין פֿראַנק אַ טאָג פֿאַר אַכט שעה אַרבייט. די אַרבייט איז געווען זייער אַ שווערע און אַן׳ערמידענדע. די גאַנצע צייט פֿלעגט מען נאַכקיקען, צו זיי אַרבייטען, ווי עס בעדאַרף צו זיין. חוץ דעם פֿלעגט הירש פֿון זיין זייט מיט אמאָל בעווייזען זיך און שטרענג היטען, אַז זיי זאָלען אַרבייטען אָהן אַ אויפֿער. הירש האָט געהאַט זעהר אַ שלעכטע מיינונג וועגען די רוסישע יודען, ער האָט זיי אַלעמען געהאַלטען פֿאַר מענשען׳ וואָס טויגען לחלוטין ניט פֿאַר אַ שווערע אַרבייט—און איהם האָט זיך גאַרניט געקאָנט גלויבען, אַז רוסישע יודען, און דערצו נאָך אינטעליגענטען, זאָלען ערנסט און פֿלייסיג אַרבייטען נור זעהר גיך האָט ער געמוזט בייטען זיין מיינונג; די בילו׳צעס האָבען געאַרבייט זייער גוט, נאָך פֿיעל בעסער פֿון די געדולדיגע אַראַבער. איינמאָל האָט זיי הירש אין אַ שפּאַס אַ זאָג געטהון, אַז זיי זאָלען אויסרייניגען די רעטיראַדען; די בילו׳צעס האָבען זיך אויך דאָ ניט אָבגעזאָגט—און מיט אַ זעלטענער געדולד זענען זיי אַ גאַנצען טאָג געווען פֿערנומען מיט דער עקעלהאַפֿטער אַרבייט. די מאַטעריעלע לאַגע אָבער פֿון דער גרופּע איז געוואָרען אַלץ ערגער. זיי פֿלעגט אויסקומען צו דערנעהרען זיך

מיט טרוקענעם ברויט. ערגער פון אלץ איז געוועזען, וואס אין דער
גרופע גופא האבען זיך אנגעהויבען מחלוקת'ן. געשטאמט האט עס
מיילוויז פון דעם, וואס די דעלעגאטען אין קאנסטאנטינאפאל האָ=
בען נארניט געשפיעלט ביי דער רעגירונג, און אויף אזא אופן איז
דער פרעסטיזש פון צ. ב. שטארק געפאלען, און טיילוויז פון דעם,
וואס די מאטעריעלע לאגע איז געווארען זעהר שלעכט און וואס
איינינע מיטגליעדער פון צ. ב. האבען געוואלט ארייננעהמען די גאנצע
ממשלה אין זייערע הענד. דערווייל איז ארויסגעשוואומען א נייער
פלאן: עס וואלט געווען זעהר וויכטיג צו קויפען ביי דער נייער
קאלאניע „ראשון לציון”, וואס האט זיך דאן אנגעהויבען צו איינ=
ארדנען ניט ווייט פון יפו, האטש טופציג דעסיאטינעס ערד, דאן
וואלט געווען מעגליך צו האפען אויף הילף פון רוסלאנד ווייל ערד
וואלט געווען און עס וואלט געפעהלט נור דער נויטיגער אינווענ=
טאר, די ערד דארף אבער קאסטען 3600 רובל. איינער, א ירושלים'ער
באנקיר האט צוגעזאגט צו אנטליי'ען 2000 רובל—און עס איז גע=
בליבען צו קויפען אזוי פיעל ערד, וויפיעל מען וועט קאנען, בעקו=
מען פאר דעם דאזיגען געלד, נור צום אומגליק האט דער באנקיר
זיך אבגעזאגט פון זיין ווארט—און די האפנונג פון די בילוצ'עס
צושלאגען געווארען! אויף דעם אנדערען טאג זענען די בילוצ'עס
קוים אוועק צו דער ארבייט: זייער גייסטיגער צושטאנד איז געוועזען
א טרויעריגער, זייער מוטה איז געפאלען, נור א נייע האפנונג האט
זיי א שיין געטהון! דעם 30=טען אויגוסט איז געקומען צו פאהרען
קיין מקוה=ישראל איהר גרינדער, קארל נעטער, ער האט זיך גאר
ניט געקאנט אבוואונדערען פון דער ארבייט פון די בילו'צעס און פון
זייער איבערגעגעבענהייט צו דער נאציאנאלער אידעע. ער האט זיי צו
געגעבען מוטה און האט צוגעזאגט ערנסט צו בעטראכטען זייער
לאגע אום זי צו פערבעסערען. די לאגע פון די בילו'צעס איז דערווייל
נאך ערגער געווארען. פיעל פון זיי זענען פון דער שווערער ארבייט
און שלעכטע עסען קראנק געווארען. געארבייט האבען ניט מעהר
פון 15 מאן (אין דער צייט זענען צוגעקומען נאך דריי נייע חברים,
צוויי מאנסבילען און איין פרויענצימער. אויף אזא אופן איז שוין די
גרופע בעשטאנען פון 24 חברים, צווישען זיי דריי מיידלעך). די
חובות זענען נאך מעהר אויסגעוואקסען. דעם 13-טען סעפטעמבער
איז צונויפגערופען א פערזאמלונג, אום צו בעטראכטען די לאגע,
עס איז געבליבען נים צו טרינקען מעהר קיין טעה און ניט צו רויכערע
קיין טאבאק—כדי איינצושפארען געלד! און דא האט שוין אויף זיי

געוואָרט א נײַ אומגליק: געטער איז טוט אמאל קראנק געוואָרען און סאָוטאן, אין אָבענד דעם 22־טען סעפּטעמבער, איז ער געשטאָרבען. אַלע פלענער פון די בילו'צעס, אלע זייערע האָפנונגען איוף געטערען זענען מיט אמאל צושלאָגען געוואָרען ביז'ן יסוד...

נאָך אַזוינע לײַדען זענען זעקס צוריק אָבגעפאָהרען קײַן רוסלאַנד און דרײַ קײַן ירושלים. אינגאנצען זענען געבליבען נור 15 בילו'צעס. מיט זייער טרויעריגער לאַגע האָבען זיך געוואלט בענוצען א גרויסע ענגלישע מיסיאָנערען־געזעלשאַפט, וועלכע האָט עקזיסטירט אין ירושלים. די דאָזיגע געזעלשאַפט האָט פאָרגעלעגט די בילו'צעס אַ רײַכע שטיצע. נור די בילוצעס, דערווייסענדיג זיך מיט וואס פאַר א ציעל מען לעגט זיי פאַר הילף, האָבען אַרויסגעטריבען דעם פאָרשטעהער פון דער געזעלשאַפט וועלכער איז צו זיי געקומען מיט געלד. ווי צו העלפען זיך איז אָבער קײַן מיטעל ניט געווען, מען האָט צוזויפגערופען אַ פערזאַמלונג אום צו בעטראכטען זיך, וואָס צו טהון. אײַנער האָט אַ רעד געטהון וועגען פונאַנדערפאָהרען זיך צוריק אַהיים. אָבער גלײַך האָט אזא קלײַנמוטיגע עצה געפונען אַ ווירדיגען ענטפער. אויף דער זעלבער פערזאַמלונג האָט אײַנער פון די בילוצעס קלאָר און שאַרף דערמאָהנט דאָס גרויסע ציעל, וועלכעס זיי האָבען זיך געשטעלט, די הײליגע אידעע, וועלכער זיי דיענען, און אַז איידער פאַר'ן קומען אהער, האָבען זיי שוין אַלע געוואוסט, אַז זייער וועג וועט פול זײַן מיט שטעכענדיגע דערנער—און זיי האָבען זיך דאָך אַלע אויף דעם בעשלאָסען. די דאָזיגע עטליכע עהרליכע און ווירדיגע ווערטער האָבען ווידער אין אַרעמען אַרײַנגעהויבט פרישע כחות. אײַניגע האָבען גלײַך געוואָלט אָבפאָהרען אויף שווערע אַרבײַט קײַן אלכסנדריא, וועלכע האָט זיך דאַן ווידער אָבגעבויט נאָך דעם, ווי זי איז צושטערט געוואָרען דורך די ענגלענדער, און וואו מען האָט געצאָהלט 7 פראַנק א טאָג. נור אזוי־ווי די גרופּע איז געווען זעהר קלײַן איז דער פּלאַן ניט אָנגענומען געוואָרען און עס איז געבליבען צו הענגען זיך נאָך הילף דורך די פּרעסע, אויב עס וועט זיך בעקומען א געהעריגע סומע, זאל מען פריהער פון אַלץ אויסצאָלען די חיובות און פאַר דעם איבעריגען געלד זאל מען זיך אָנהויבען, ווי עס איז אײַנגעאָרדנעט אין דער קאָלאָניע „ראשון לציון“.

די פּאַרטײַ איז דערווײַל געוואָרען נאָך קלענער, אינגאנצען שוין געבליבען נײַן מענשען. אין עטליכע טעג אַרום האָט זיי הירש פאָרגעלעגט צו אַרבײַטען אין ראשון־לציון, און דאָס האָט געהאַט

דעם וויכטיגען פארצוג, וואס מיט דער צייט האבען זיי געקאנט האפען צו ווערען קאלאניסטען דעם 7־טען נאוועמבער פון 1882 יאהר האבען זיך די בילוצעס אריבערגעקליבען קיין ראשון־לציון. די בילוצעס האבען אויפגעלעבט די גאנצע קאלאניע. זיי האבען פלייסיג געארבייט. מיט געזאנג פלעגען זיי אוועקגעהן אויף דער ארבייט און מיט געזאנג פלעגען זיי זיך אומקערען. אין די אוועגדען פלעגען זיי איינארדנען פארלעזונגען איבער די געשיכטע פון יודישען פאלק, איבער אגראנאמיע. זיי פלעגען אויך לערנען די העברעאישע שפראך. זיי זענען געווארען דער מיטעל־פונקט פון דער גאנצער ראשון־לציון'ער יוגענד. אין זייער געצעלט, וועלכעס איז אלע מאל געווען א פרעהליכעס און גאסטפריינדליכעס, פלעגען זיך צונויפקלייבען אלע ליידענדע און פערטרויערטע און פלעגען שטענדיג אומקעהרען זיך בערוהיגטע, מיט נייעם מוט. די בילוצעס האבען ארגאניזירט די גאנצע ראשון־לציון'ער יוגענד אום צו שטרייטען מיט די אראבער, וועלכע עס האט זיך פערחאלט צו פאשען זייערע בהמות אויף די יודישע פערזעהענע פעלדער. אין א קורצער צייט האט די דאזיגע ארגאניזירטע יוגענד איינגאנצען איינגעהאלטען די אראבער, נעבענדיג זיי אזא שטארקען ווידערשטאנד, אז זיי האבען בעקומען ביי די ארומיגע איינוואהנער דעם נאמען „שייטען" (שדים). די אראבער זענען אינגאנצען געווארען שפילע און גוטע — און זענען געווארען מיט די ראשון־לציון'ער גאר פריינדליך. די מאטעריעלע לאגע פון די בילוצעס האט זיך אויך פערבעסערט אבער קיין אייגענע ערד האבען נאך אלץ ניט געהאט. די גרופע פון די בילוצעס, וועלכע האט זיך פאר די צייט, וואס זי איז געווען אין ראשון־לציון, פערגרעסערט מיט פיעל נייע חברים. איז געבליבען אין א זעהר אונבעשטיממטער לאגע.

די מיטגליעדער פון דעם קאנסטאנטינאפאלער ביורא זענען געווען זעהר ניט צופרידען דערמיט וואס די בילוצעס זענען אריבער אין ראשון־לציון. ווייל זיי האבען נאך אלץ געהאפט צו גרינדען אן אייגענע מוסטער־קאלאניע — און זיי האבען אפילו אוועקגעשיקט צוויי דעלעגאטען צו אגיטירען אין דעם זין צווישען די בילוצעס. אין דער זעלבער צייט זענען די בילוצעס זעלבסט אויך ניט געווען צופרידען מיט זייער לאגע: זיי זענען דאך עפעס געקומען אהער ניט נור צו ווערען גוטע ערד־ארבייטער, נור אין א פיעל גרעסערער מאס, אלס טרעגער פון א בעשטיממטער, זעהר טייערער פאר זיי אידעע וועלכע זיי האבען גערעכענט צו פראפאגאנדירען

און אלײן דורכפירען אין דער װירקליכקײט! אמת, זײ האבען שױן ניט װעניג גוצען געבראכט דער קאלאניזאציע אין ארץ ישראל: זײ זענען געװען איהרע ערשטע אידעעלע פיאנערען, זײער זעלבסט-אפּפּערונג און דאס ארבײטספעהיגע לעבען, אלס אײנפאכע ערדארבײטער, האבען געדינט פאר א װירדיגען בײשפיעל ניט װעניג מענשען. נור זײער איצטיגע לאגע איז געװען זעהר א שלעכטע און אנ׳אונבעשטימטע: זײ האבען ניט געהאט ניט קײן ערד, ניט קײן װערקצײג, ניט קײן דירות און — ניט קײן האפנונגען אויף בעסערע און שפעטערדיגע צײט. ענדליך איז די דאזיגע אונבעשטימטע לאגע פערענטפערט געװארען מיט דעם, װאס א העלפט פון דער בילויים גרופּע, אלע די, װעלכע זענען אונצופרידען, זענען אװעק פון ראשון-לציון װײטער ארבײטען אין מקוה-ישראל, נאך אלע האפענדיג צו גרינדען אנ׳אײגענע קאלאניע. די, אבער, װאס זענען פערבליבען האבען בעשלאסען אינגאנצען זיך אײנארדנען אין ראשון-לציון, און מעהר שױן מיט קײן זאך ניט ארויסװײזען זײער צוזאממענבאנד מיט בילו.

די האפנונג פון די בילו׳צעס, װאס זענען אװעק, איז אין גיכען מקוים געװארען, אין אנהויב 1884 טען יאהר האט מ. פינעס געקויפט בײם דארף קאטר, 30 װיארסט פון יפו, א שטיק ערד פון 250 דעסיאטין. די ערד האט פינעס צוטײלט אויף 25 חלקים אום צו פערקויפען יעדען חלק בעזונדער. אין גיכען איז די ערד אויסגעפערקויפט געװארען צו פריװאטע פערזאנען און חברות. די לעצטע האבען בעפאלמעכטיגט פינעס׳ען אפצוגעבען זײערע חלקים די בילוצעס אויף אויסצוצאהלען. דעם ערשטען טאג חנוכה פון דעם יאהר תרמ״ה (נאװעמבער 1884) זענען 9 בילו׳צעס ארויבער אויף זײער ערד און האבען געגרינדעט א נײע קאלאניע, װעלכע זײ האבען א נאמען געגעבען גדרה, װײל אויף דעם ארט האט זיך אין דער ביבלישער צײט געפינען א שטעדטיל מיט דעם זעלבען נאמען. פינעס האט קײן געלד ניט געהאט אויף אויפצובויען א הויז, האט ער דעריבער אײנגעשטעלט א הילצערנעם שפײכלער מיט ברעטער ארום די װענד — און די בילו׳צעס האבען זיך אהין ארײנגעקליבען. דער רעגען פלעגט גיסען דורך די לעכער פון דאך, און דער װינד פלעגט בלאזען דורך אלע זײטען פון שפײכלער. די בילו׳צעס איז אויסגעקומען איבערצוטראגען די גרעסטע לײדען, אבער זײ האבען זיך ניט געקלאגט אויף זײער גורל, פערקעהרט, זײ זענען געװען שטאלץ און איבערגליקליך, װאס סוף כל סוף האט זײ זיך דאך

אײַנגעגעבען פיעל װעניגער דורכצופיהרען זײער ציעל. ארום די
װענד פון דעם שפּײַכלער האבען זײ געמאַכט געצעלטען פון ברע-
טער, אױלכע, װי אין די לאַגערען, פון שטײנער האבען זײ געמאכט
עפּים אַזױנס, װאָס איז ערנליך געװען אויף אײַן אײװען, אין װעלכען
זײ האבען געבאַקט ברױט. װײַטער האבען זײ צונױפגעשטעלט אַ בײַרעל
אין װעלכען זײ האבען געהאלטען זײער געצײַג און זײער אײַנציגען
געמײַנזאמען אײַזערנע-מעהר האבען זײ קײן זאך ניט געהאַט. דער-
נאָך האבען זיך די בילוצעס גענומען צו דער ארבײַט: זײ האבען
מיט דער גרעסטער מיה אבגעראַניגט א שטיק ערד און האבען
פערפלאנצט אַ געמײַנזאמען װײַנגארטען אױף, װי זײ האבען ניט
געהאַט קײן שום בהמות, האבען זײ געדארפט מיט א פראָסטער
האַפּאַטע אױסהאַקען דעם שטײנערנעם גרונט פון דער דאָזיגער ערד.
עסען פלעגען זײ זעהר קארג און שלעכט, װאסער פלעגט זײ אױס-
קומען צו טרינקען פון א בלאָטיגען, שטעהענדיגען טײַכעל, װאו
עס פלעגען זיך צוזאַמענקלײַבען די רעגען-װאסערען — און בײַ נאכט
נאָך א גרױסען, שװערען ארבײַטס-טאָג, פלעגט זײ נאך אױסקומען
ניט צו שלאָפען און צו היטען זײער „גוטס"... נור א דאַנק זײער
געדולדיגקײַט און דעם געזונדען קלימאט איז קײנער פון די בילו'צעס
ניט קראנק געװאָרען אױף פיבער. צוקוקענדיג זיך צו אזאַ לעבען
קאָן מען ניט, ניט זאָגען די װערטער פון משורר: „אָט דאָ לערנען
מיר זיך גלויבען און לײַדען"...

די לײַדענשאַפטליכע שטרעבונג פון די בילו'צעס איז אויף
אזא אופן סוף כל סוף פערװירקליכט געװאָרען: זײ האבען געגרינ-
דעט אײַן אײגענע קאלאָניע. אבער אין װאָס פאר א מיזערנע פאָרם!
פון 525 מענשען זענען נור 9 אנגעקומען אין גדרה... און דאָס —
נאָך צװײ גאנצע יאָהרען פון אַנ'אונאויפהערליכער, גיהנם'שער אר-
בײַט, פון אונמענשליכע לײַדען און אַלערלײַ װאנדערונגען איבער די
קאָלאָניעס — מיט דעם זעלבען שטעקען אין האנד און מיט דער
זעלבער טאָרבע אויף די פלײצעס, װי צװײ יאָהר צוריק, װען זײ זע-
נען צום ערשטען מאָל ארױפגעטרעטען אױף ארץ-ישראל-ערד; אבער
אויך — מיט דעם זעלבען גרױסען גלױבען אין הארצען, מיט דער
זעלביגער הײליגער בעגײַסטערונג, מיט דעם זעלבען לײַדענשאַפט-
ליכען װילען אריבערצוטראָגען די גרעסטע לײַדען פאר די אױפלע-
בונג פון דעם יודישען פאלק אױף זײַן אײגענער ערד!... אָט דאָ
לערנען מיר זיך װירקליך — צו „גלויבען און לײַדען"!...

די געשיכטע פון די בילו'צעס און זייער ראָל אין דער קאָ-
לאָניזאַציע פון ארץ-ישראל וועט תמיד בלייבען פאַר אונז א הייליגע
ערינערונג, אַן ערינערונג, וועלכע וועט וועקען נייע כחות צום
שטרייט פאַר אונזער נאַציאָנאַלע אויפלעבונג. די ראָזינע געשיכטע
דערצעהלט, אַז מעשים, רעאַלע מעשים, זענען פיעל וויכטיגער
פון די שענסטע רעד, אַז די אויפלעבונג פון אונזער פאָלק איז
נעמליך אַזאַ אידעאַל, וואָס פאָדערט די גרעסטע אָנשטרענגונג פון
אונזערע אַלע פאָלקס-כחות; וואָס פאָדערט א גרויסען, שטאַרקען
קאָנצענטרירטען פאָלקס-רצון. דאָס קליינע הייפעל בילו'צעס האָט צום
ערשטען בעוויזען א ביישפיעל פון אַזאַ אָנשטרענגונג, פון אַזאַ רצון, —
אָט פאַר וואָס דער נאָמען ב-י-ל-ו קלינגט אונז אַזוי ערמונטע-
רענד, אַזוי שטאָלץ, — אָט פאַר וואָס די בילוצעס זענען אונזערע
אמת'ע פאָלקס-העלדען מיט א גרויסער נשמה און גרויסע מעשים...

זעהר אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט וועט זיך פאַר אונז אַרויס-
ווייזען, ווען מיר וועלען טיעפער בעטראַכטען די ענטשטעהונג פון
דעם בילו'עשען געדאַנק. עס איז אַ גרויסער טעות, אויב מען מיינט
אַז די ערשטע בילו'צעס זענען ענטלאָפען קיין ארץ-ישראל, אַלס
עמיגראַנטען בכלל, אַלס מענשען, וועלכע די שרעקליכע יודישע
לאַגע פון יענער צייט האָט אַרויסגעטריבען פון רוסלאַנד, און וועל-
כע דער עמיגראַציאָנס-שטראָם האָט גראָד פערטראָגען קיין ארץ-
ישראל. די זאַך איז גאָר אַנדערש: ארץ-ישראל איז ניט צופעליג
געוואָרען די אַרענע פון דער בילו'אישער-אַרבייט. נור אויף דער
הייליגער ערד פון די אבות האָט געקאָנט געטהון ווערען די היי-
ליגע אַרבייט פון בילו—אָט אַזוי האָבען זיי זיך פאָרגעשטעלט די
יודישע אויפלעבונג.

אין יענער צייט האָבען אויך עקזיסטירט יוגענד-גרופען, וועל-
כע האָבען אויסגעקליבען דעם אָרט פאַר זייער אַרבייט ניט ארץ-
ישראל, נור אַמעריקאַ—און אַמערקווירדיגע זאַך: ווער ווייסט פון
זייער אַרבייט, ווער געדענקט איצט אפילו דעם נאָמען „עם עולם“,
וועלכען די ראָזינע גרופען האָבען געטראָגען, וואָס פאַר אַ שפור
האָבען זיי איבערגעלאָזט דעם שעפערישען פאָלקס-זכרון? הייסע,
לאַנגע ויכּוחים זענען דאַן געפיהרט געוואָרען: וועלכעס לאַנד זאָל
מען אויסקלייבען. און די בילוצעס זענען געווען פאַר ארץ-ישראל
מעהר און פריהער פון אַלץ פון דעם נאַציאָנאַלען שטאַנדפונקט,
די עם-עולם'צעס אָבער פאַר אַמעריקאַ פון דעם פראַקטישען שטאַנד-
פונקט, און אָט לערענט אונז די געשיכטע, אַז אַן אידעאַל קאָן נור

דאָ האָבען אַ קיום, ווען עס איז אַ פּיָעף נאַציאָנאַלעס נים - ור אַ היילינע ערא־נערונג איז דעריבער פאר אונז די געשיכטע פון די בילוצעס, זי איז פאר אונז אויך היסטאָרישעס ביישפּי־ על, וואס וועט שטענדיג לערנען און ווייזען: אַט אַזוי דאַרף מען גלויבען, אַט אַזוי דאַרף מען ליידען פאר אַ פאָלקס־זאַך... פערשטעהט זיך, אַז איצט זענען די אומשטענדען אויף פיעל אַנדערש, ווי אין דער צייט פון די ערשטע בילוצעס, אַזוינע וועלכע האָבען שוין פאר זיך אַ 52 יאָהריגע ערפאהרונג אין אַ 25 יאָהריגע פראַקטישע אַרבייט אין דעם לאַנד, וואו זייערע ערשטע חברים האָבען צום ערשטען אָנגעהויבען די דאָזיגע ערפאַהרונג און די דאָזיגע פראַקטישע אַרבייט. יאָ, איצט זענען די וועגען שוין מעהר אויסגעטראָטען. די וועגען אויף וועלכע עס איז נעגאַנגען די ערשטע יודישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ ישראל, זענען געווען פול בערעקט מיט שטעכעדיגע דערנער אָבער זי האט זיך ראך נים אָבגעשטעלט און האָט זיך דאָך ענטוויקעלט. פון די נייע בילוצעס, פון דער גאַנצער ציוניסטי־ שער יוגענד, פאָדערט זיך איצט שוין נים די אַלטע בילו׳אישע קרבנות און זייער אורשפּרונגליכער פאָרם, פון איהר פאָדערט זיך מעהר רעאַלערע אַרבייט צוזאַמען מיט די איבעריגע טיילען פון פאָלק אין דעם זין פון אַנ׳אונאויפערליכער מאַטעריעלער און גייסטיגער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל. די דאָזיגע יוגענד דאַרף און קאָן שפּיעלען די ערשטע ראָלע, ווייל זי איז דער סאַמע פרישער און מונטערער עלעמענט פון פאָלק, ווייל זי איז די צוקונפט פון פאָלק... אָבער איינס בלייבט פאר איהר, ווי פריהער: די התלהבות פון די בילוצעס, זייער גלויבען, זיי־ ער רצון—דאָס מוזען זיי איבערנעהמען בירושה פון די ערשטע חברים. און דאָס אויך פערבינדען די אַלטע און נייע בילוצעס, ווייל דאָס ציעל איז דאָס זעלבע געבליבען: וואָס מעהר אַרבייט פאר דער פאָלשטענדיגער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יודי־ שען פאָלק!

Пудра
Бѣлый Цвѣтокъ




Т-во
А. Ралле
Москва

Парфюмерія
Серебристый
Ландышъ

Т-во А. Ралле и К°

Съ заказами обращаться по адресу:
**Одесса, д-ру І. Б. Сапиру.** Odessa, d-r I. Sapir.

Типографія „Коммерсантъ“ Успенская 48.